# אלף

מיט אַסטראָנאָט
הייבט אָן דער נײַער אלף-בית
אין ספֿר צײַט,
און ניט ווי אַמאָל
מיט אלוהים.
דער אוניווערס איז אַלט.
איך הער די אותיות,
די אַנדערשקײַט,
די שטים
פֿון אייביקייט.
ס׳איז פּראָסטיק קאַלט,
און מײַנע פֿינגער
מיט זאַפּערעס,
פֿאַרגליווערן,
בעת איך האַלט
זיך אָן אין עק
פֿון דעם ראַקעט
אין דעם אומענדלעכן העט-העט.

# בית

איך בלאָנדזשע
אַרום
אין דער ביליאָנענהאַפּטיקייט
פֿון דער באַשאַפֿונג.
קיין סימן פֿון
בראשית.
די אומזיכטבאַרע בלויע בערג
באַהעפֿטן זיך מיט שרעק
און בישלעכווײַז
מיט מײַן באַוווסטזײַן.

# גימל

ווי איינזאַם שוועבסטו
גאָט
אַרום.
דו קענסט די גאַלאַקסיעס
ניט מער דערקענען.
גיב מיר דייַן האַנט.
מיר זייַנען ביידע נע-ונד
אין גאָרטן
פֿון גרונטלאָזע
גרונטן.

# דלת

אין פּוסטער ליידיקייט
איז ניט פֿאַראַן
קיין דאָ,
צי דאָרט.
אַ דיכטער
געפֿינט בכלל פֿאַר זיך קיין אָרט
אין ד'ערגעץ.
און איך זוך אַלץ
אַן ערגעץ,
און שוועב אַרום
אין דעם אומענדלעך גרויסן
דרויסן...
און אַלץ וואָס איך
פֿיל אינעווייניק,
פֿאַרגייט איצט דין,
ווערט דין-עווייניק.

# הא

אַמאָל פֿלעג איך
דערזען דעם העלן הימל,
און חלומען :
ווי גוט וועט זײַן
צו היטן
די הויכקייטן
מיט אַ געזאַנג פֿון הללויה.
איצט יאָג איך זיך
נאָך יענעם ליכט פֿון שקיעה...
בלויז איינער פֿון
די אויך-קייטן.

# וואו

אין ווײַטן וואַנדערוועג,
וווהין ווילסטו דערגיין ?
אין ווײַטסטער ווײַטקייט,
אויף יעדן אומזיכטבאַרן בוים
אין פוסטקייט,
פֿאַרווינטערן
פֿאַרבלייכטע שטערן —
ווי אַלטע מוידן
וואָס וואַרטן
און וויאַנען.
ווערסטו דען קענען זייער וויי
אַראָפּרײַסן פֿון בוים,
און ערגעץ אין די לאַנען
אײַנפֿלאַנצן
מיט ליבשאַפֿט...
זיי זאָלן זיך צעבליִען
אין וווּנדער ?
צי ווערסטו ?

## ז׳יין

אַ זאַווערוכע
אין זאָדיִאַק,
אַפּילו אין רוים פֿון די הימלען
די זיבן,
ווו איך האָב די שטערן
געקליבן,
געפֿונען
די זונען,
און נאָך מיט אַ זמר.
איצט זינדיקן דאָ
אין זײַטיקע געסלעך,
ווי זעלנער מיט זונות
די זעלביקע שטערן,
די זעלביקע זונען.
אַ רויטער לאַמטערן
הענגט איבערן קאָסמישן טויער.
די מילך אין דער מילך-גאַס
ווערט זויער.

# חית

איך חבר זיך מיט חלום,
מיט חושך.
פֿון מײַנע חושים
וואַקסט פּלוצעם אויס
אַ חידוש-בוים.
איך זע די שטערן,
דערקען דעם סדר.
איך זע פּלאַנעטן,
וואָס פֿלעגן לויפֿן
ווי קינדער אין חדר
חומש זיך לערנען.
ס'איז פּוסטער געוואָרן.
דער רוים פֿון העט-העטן
און יעדער לאַן
אויף מײַן נסיעה,
ווערט אין דער פֿינצטערניש
צערינען...
ווײַל כ'קען דעם רבין ניט
געפֿינען.

## ט י ת

מלאכים בײַם טויער,
מיט טאַצן, טרומייטערס.
זיי טרובעווען
און טאַראַראַמעווען,
מקבל-פּנים זײַנען זיי דאָס מיך,
דעם ערשטן ייִדישן פּאָעט
אין דעם העט-העט,
וואָס האָט פאַרגלוסט זיך, זײַן
אַ קאָסמישער טוריסט...
און פֿליִען אומזיסט.
מיט אַ מאָל בײַם טויער,
אין אַ רגע
אַ בלויער,
באַווײַזט זיך אַן אַלטער,
גאָר אַלטער מחבר.
ער שטרעקט מיר אויס
זײַן האַנט,
און אין די אויגן
צעפֿלאַקערט אַ פֿײַער זיך
פֿון זונען...
צופֿרידן
וואָס כ׳האָב דעם וועג אַהער
געפֿונען.

איך נעם די האַנט,
און האַלט זי לאַנג אין מײַנער.
נאָר ס׳דוכט זיך אַז
אַפֿילו דער אַלטער מחבר
איז זשעדנע צו הערן,
וואָס איך טראַכט אַצינד
וועגן אויסלייג פֿון שטערן;
צי די אייביקע האַנט,
האָט טאַלאַנט.

# יוד

ווי לייַכט מען פֿאַלט
אַרייַן אין יאוש.
די ליידיקייט
אין דעם העט-העט פֿון רוים,
איז ווי אַ ים
אָן אַ יבשה.
איז וואָס-זשע איילן זיך
די אַסטראָנאָטן,
די קאָסמאָנאָטן,
אין פּוסטער יאָגערייַ,
אַז סייַ ווי סייַ
וועט קיינער פֿון די ריזן,
וועט קיינער קיין מאָל ניט דערגיין
צו דעם יסוד
פֿון דעם באַשעפֿערס
קאָסמישע קאַפּריזן.

איז וואָס טו איך אַדאָ
אין דעם העט-העט?
געטריבן פֿונעם אומרו-„דזשעט”,
דעם אמת יידישן ראַקעט?!

אַ ברירה האָב איך:
אין מײַנע יאָרן
בין איך נאָך אַלץ
אַ ילד,
אַ יאַט,
פֿאַר אייניקע אַ יאָלד...
אַ ייִד
וואָס ווערט ניט מיד,
ווײַל אין דער צײַט פֿון אַסטראָנאָטן,
פֿלי איך אַוועק
אויף פֿליגל פֿון ליד.

## כף

אַליין אין דער הויך.
איך יאָג זיך אַלץ ווייַטער,
געטריבן פֿון עפּעס אַ כּישוף,
אַ כּוח.
עס דרייט זיך צו מאָל
ווי אַ גאַלאַקסיע-שטערן-געווירבל
מייַן קאָפּ.
נאָר כ׳קוק ניט אַראָפּ.
כ׳בין מיד פֿון מלחמות...
פֿון צפֿון —
פֿון דרום וויעטנאַם...
און זאָל מען מיך רופֿן
אַ כאַם,
ווייַל כ׳וויל זיך ניט מישן
אין לאַאָס.
איך האָב זיך געקויפֿט שוין
אין קאָסמישע כמאַרעס
אַ כאַטע אין כאַאָס.
איך היט מייַנע שטערן.
זיי זעען אויס פֿון נאָענט
אַזוי ווי כימערעס.

איך ווייס
אַז אַדאָ אינעם ווײַטן העט-העט,
אין כאַאָס,
וועט אַ פּאָעט
אַ ייִדישער,
פֿרידישער,
ניט לעקן קיין האָניק.
אָבער ווערמען-זשע אַרט עס.
אַבי איך וועל קענען
דאָ שרײַבן אין רו
מײַן לבנה-קאַץ כראָניק.

# למד

אין ווײַטן לאַן,
אין ספּערן-לאַבירינט,
לאָז איך זיך ווײַטער,
אַלץ ווײַטער.
איך לויף און לויף,
און פּרעג אַפּילו ניט
די ליכטיקע לבנה-קאַץ,
צי ס׳איז פֿאַראַן
אַזאַ מין זאַך —
ווי דיכטערישע לאָגיק.
אַדאָ אין ליכטער-לאַן,
וווּ טאָג איז נאַכט,
און נאַכט איז טאָגיק...
און וווּ די לאַנדשאַפֿט פֿון אַמאָל
האָט זיך פֿאַרוואַנדלט דאָ
אין אַן אויסטערלישן שטערן-טאָל...
פֿון לאַפּיס-און-לאַזולי-בלוי,
איז מיר דאָ גוט אַזוי.
דאָס ליד
בענקט איצט נאָך ליכט
און ליבשאַפֿט,
פֿאַר יענעם ווײַטן, ווײַטן לאַן.

# מם

מאַמע, ליכטיקע אין הימל.
מיריאַדן שטערן
צעטיילן אונדז אַצינד.
פֿאַר דיר בין איך מסתּם
נאָך אַלץ
אַ בלאָנדזשענדיק, צעטומלט קינד.
זײַ מוחל מיר,
וואָס איך בין ניט
אַ פֿרומער ייִד געוואָרן...
וואָס כ׳בין אַוועק
מיט פֿליִענדיקע מעטעאָרן.
ווײַל אויפֿן אָרט
פֿון גיין אין חדר,
צום רויטן, טויבלעכן מלמד,
האָב איך שוין דעמאָלט,
סאַראַ מזל,
געחלומט פֿון מאַרוסיאַן —
מײַן בלאָנדע מוזע
פֿון אַ פֿאַרוואָרפֿן הײַזל.

מאַמע מייַנע,
די מילכגאַס דאָ אין רוים,
אַנטפּלעקט פֿאַר מיר אַצינד
אַ פֿעלד
מיט שנייוווייַסע מצבה-שטערן.
ערגעץ-ווו ליגסטו
און שלאָפֿסט,
און חלומסט
אַז איך
זאָל ניט
פֿאַרבלאָנדזשעט ווערן.

# נון

פֿאַראַן דאָ שטערן,
וואָס זײַנען אייביקע נאָמאַדן...
געפֿינען ניט קיין רו
און חלומען,
און פֿאַלן,
אויף אומזיכטבאַרע באַריקאַדן.
איך שטעל זיך אָפּ
אין נאַדיר,
און וואַרף אַ נעץ —
מײַן נשמה,
ווי ס'וואַרפֿט בײַם ים
אַ פֿישעריונג זײַן נעץ.
איך כאַפּ
די פֿאַלנדיקע שטערן,
און נעם זיי מיט
אויף מײַן נסיעה —
אין רוים,
פֿון אייביקער,
פֿון פּורפּורדיקער שקיעה.

# סמך

איז עס אַ בייזער חלום?
האַ - לו - צי - נאַ - ציע?
וואָס כ׳קלער
אַז כ׳וויל אַוועק
פֿון סטראַטאָספֿער?
אַ קאַלטע סביבה דאָ...
מייַן אומרו איז
אַ ברונעם אָן אַ דנאָ,
און איך
בין קעגן סטאַטוס-קוואָ.
אין קאָסמישן סיסטעם:
מעת-לעתן זעקס...
ניטאָ אַפֿילו
קיין סימן פֿון סעקס.
דאָ מוז איך דרייען זיך
אין אַ ספּיראַל
מיט אַנדערע סאַטעליטן...
און איך אין מיטן.
ס׳איז אַ סקאַנדאַל.

אין טאָג דעם זיבעטן:
אַ סידור,
אַ ספֿר-תּורה...
און גיי
באַזינג און לויב
דעם בּורא.
ס'איז ניט פֿאַר מיר
אַזאַ קאָשמאַר.
ס'איז גוט פֿאַר די חסידים
פֿון סאַטומאַר.
אַ בייזער חלום
האָט אָבער אויך אַ סוף.
איך כאַפּ זיך אויף,
און ווענוס ווינקט
צו מיר אַרויף.

# ע׳ין

איך בין דער ערשטער דאָ
אין ווײַטן ערגעץ.
אין קאָסמיש־ווײַטן רוים
ווער איך ניט עלטער.
אומענדלעך איז דער טאָג,
און כ׳בין נאָך ווײַט
פֿון עפּילאָג.
נאָר עפּעס האָט אין מיר
לחלוטין ניט געקאָנט
באַפֿרײַען זיך
פֿון יענער ערד —
דעם ערשטן לאַנד,
און פֿון דער ערדיש־קאַלטער
מורא:
אַז ס׳קומט אַ מאָל דער סוף.
אַדאָ
אין דער אומענדלעכקייט
פֿון רוים
און בורא,
דערמאָן איך זיך
אין תּקיעת־כּף:
אַז שטויב
מוז ווערן ווידער שטויב.

זאָל דאָס מײַן ענטפֿער זײַן —
מײַן עפּיטאַף:
אַדאָ ליגט עמעץ,
אין ווײַטן ערגעץ.
ער האָט געליבט
דעם אַלטן עפּלבוים,
וואָס קאָרטשעט זיך צונויף
ביז מען דערקענט אים קוים,
דעם עקשן
וואָס דראַפּעט זיך
מיט שוואַכע הענט
אויף גלײַכע ווענט —
און אויך די ערד
וואָס פֿאָרכט זיך ניט
פֿאַר אַן עקליפּס...
אַז דאָס וועט זײַן
איר סוף
אין דעם העט-העט.

# פּאַ

פּעגאַסאָס,
צי ביסטו גרייט,
מיר ווײַזן
די אויסטערלישע
און קאָסמישע פּיַיזאַזשן?
איך וויל באַפרײַען זיך
פֿון מײַנע ערדיש-רויע ווונדן,
רײַס איך פֿון זיך
מיט אומרו די באַנדאַזשן.
כ׳בין מיד
פֿון פּוילע שטיק,
פֿון פּאָליטיק.
קום
לאָמיר פֿרעגן גאָט,
צי וויל ער זײַן
אַן אמתער פּילאָט...
צי וויל ער פֿליִען
אין אונדזערע רייען,
און מאַכן שוין אַ סוף
צו די פּאַרטייען.

פעגאַסאָס,
פֿון הויכן באַרג —
דעם העליקאָן,
ביסטו אַוועק,
און צווישן קאָנסטעלאַציעס
ביסטו פֿאַרן פּאָעט
געוואָרן אַ סימבאָל —
אַ פֿאָן.
איך קום צו דיר
פעגאַסאָס,
מיט פּראָטעסט.
מײַן ערד צאַנקט אויס.
זי שוואַנגערט טויט
און פּעסט.
טו ווײַז מיר כאָטש
די קאָסמישע פּיִזאַזשן.
ס'האָט אַ קאָשמאַר
באַהעפֿט זיך מיטן גײַסט,
און אומריין זײַנען
געבליבן די אימאַזשן.

# פא

פֿאָטער,
ווײַז מיר דעם וועג
צום פֿאָלק!
פֿאַרוואָס פֿאַרפּלאָנטערן
זיך מײַנע וועגן
אין גרויסן
דרויסן?
פֿאַרוואָס טו איך זיך אָן
אַ קאָסמיש העמד?
כּדי מײַן פֿליפֿערד זאָל
זיך פֿילן פֿרעמד?
צי זוך איך דען
נירוואַנאַ־פֿרוכטן
אויף אומזיכטבאַרעביימער,
אין יענע הימל־שלוכטן?
איך שטרעק דאָך בלויז
צום הימל אויס
די הענט...
דער האָריזאָנט,
דער פֿירמאַמענט
זאָל ווערן פֿרײַ.
און דעמאָלט וועט
דאָס ליד
פֿון ס׳נײַ
אַנטפּלעקן זיך
אין רו
און פֿריד.

## צדיק

די אומרו ציט און ציט
אַלץ ווײַטער מיד.
איך שוועב אַרום
אין צווישנליכט
פֿון די צעשפּרייטע,
צעשיידטע הייכן.
אַ גאַלאַקסיע
צעווירבלט זיך...
אַ שטערן צינדט זיך אָן,
אַ צווייטער צאַנקט,
אַ דריטער בלײַבט פֿאַרגליווערט,
פֿאַר אַנדערע אַ צייכן,
אַ פֿערטער ציטערט אויף,
צעשפּאַלט זיך ווו,
און וועט זײַן ציל
אין דעם העט-העט
קיין מאָל דערגרייכן.
אַדאָ אין צווישנליכט
פֿון צײַט און רוים,
צאַמט גאָרניט מיך.
קיין צאַם,
קיין צוואַנג.
קיין צוים.

איך ווער אַ טייל,
אַ צווייַג
פֿון אומזיכטבאַרן בוים,
וואָס האָט זיך ערשט צעבליט,
צעגליט,
צעצוויט.
ווי פֿייגל זייַנען זיך
די שטערן
אין דער צעשטערנטקייט
צעפֿלויגן.
און ערגעץ-ווו
צעמיאַווקעט זיך
די ליכטיקע,
די ציכטיקע לבנה-קאַץ.
מייַן אומרו ציטערט אויף
אין אירע אויגן.

# קוף

גאַנץ פֿרי,
אין אויפֿבלי פֿון קאַיאָר,
ווען חושים שטייען אויף
דערפֿרישט
און קלאָר,
האָב איך די פֿליפֿערד איינגעשפּאַנט,
און זיך אַרויסגעלאָזט
אויף קאָסמישע נסיעות.
נאָר הערט,
די הימלען
דערקען איך קוים.
פּלאַקאַטן הענגען
אויף שטערן-ווענט
אין רוים.
ווי אין די שטאַטן,
באַקומט מען שוין אויך דאָ
אין דעם העט-העט
מציאות:
צו קייַען גומי,
און פֿלעשלעך „קאָמעט-קאָלאַ".

קום פֿליפֿערד,
און לאָמיר ווײַטער זוכן.
ווײַזט אויס
סע יאָגט מיר נאָך
מײַן קאַצן־יאָמער.
כ׳בין מיד
אַרום־צו־שוועבן
כּסדר נאָר אין אפֿשר,
פֿאַרגיין אין טאָמער.
כ׳דערקען די הימלען קוים.
ס׳האָט „קאָמעט־קאָלאַ״
אַרײַנגעכאַפּט זיך אויך
אַדאָ
אין קאַלטן רוים.

# ריש

אַ יעדער חוש אין מיר
איז אין רעוואָלט.
דאָס ראָד
האָט זיך געדריַיט,
און אינעם רעש
און רעדערדריי
האָב איך זיך מיטגעדרייט,
ניט תּמיד
ווי כ׳האָב געוואָלט.
נאָך דריי איך זיך אַרום,
און כ׳ריר
פֿון אָרט זיך קוים —
וויַיל ווי נאָר כ׳עפֿן אויף
צום וויַיטן רוים
אַ שמאָלע טיר —
און ס׳זאַפּט זיך אָן
מיט רחבות און מיט רו
מיַין בליק,
ריַיסט עפּעס מיך אַוועק,
און ס׳דרייט
דאָס ראָד
און דרייט
צום אָנהויב מיך צוריק.

ס'איז אַלץ אין מיר
אַצינדער אין רעוואָלט.
איך האָב געגנוג
פֿאַר רשעות פֿון אַרום
מיט טרערן,
מיט בלוט באַצאָלט.
אָ, גאָט,
ווי זוך איך דיך אַצינד!
זײַ דו מײַן חבר,
מײַן רבי.
נאָר מאַך דעם ספֿר
פֿון ערדישער רציחה צו.
אַ רגע בלויז
לאָז מיך
אין גרויסן דרויסן,
געפֿינען רו.

# שין

איך שטעל זיך אָפּ
אַ ווײַל,
און ערגעץ-ווו
בלײַבט אויך
דער אַסטראָנאָט איצט שטיין,
און מוז
צו פֿוסנס ווײַטער גיין.
ס'איז שבתדיק
און שטיל אַרום.
עס דוכט זיך מיר
איך בין אין מאה שערים
פֿון גרויסן דרויסן.
די שטערן טראָגן שטרײַמלעך,
און גייען שוין אין שול.
מען שווײַגט מיך אָן,
מען שטאַרצט מיך אָן.
ווי מאָדנע פֿיל
איך זיך אַדאָ:
„אַזוי אומהײַמלעך".
לבנות טראָגן שײַטלען,
פֿאַרבונדענע
מיט שטערן-טיכלעך...
און אַלע שושקען זיך.
זיי טײַטלען —
און ווײַל איך גיי אַרום
אין הוילן קאָפּ,
ווינקט קיינע פֿון דער הויך
צו מיר אַראָפּ.

ס'איז שטיל און טונקל
אין דעם אַרום.
ס'טוט גאָרניט זיך אַ ריר.
דער שמש פֿון העט-העט
רופֿט פלוצעם מיך:
„צינד אָן פֿאַר מיר
אין אוניוועֶרס
דעם שענדעליר".
נאָר איך אַנטלויף
אַלץ ווײַטער אין העט-העט,
אויף פֿליגל פֿון
מײַן אומרו-„דזשעט",
און ס'איז מיר גוט אַזוי...
איך וויל ניט זײַן
קיין שבת-גוי.

# תו

מיט אַסטראָנאָט
הייבט אָן דער נײַער אלף-בית,
און מיט תהום
פֿאַרענדיקט זיך דאָס ליד
פֿון גרויסן דרויסן.
די קאָסמישע נסיעה
האָט אָפּגעשטעלט
זיך בײַ דער „ת".
אין תוך
מוז דער וואָס לאָזט
אויף וועגן זיך,
אויך גרייט זײַן פֿאַרן סוף.
איז וואָס-זשע בין איך אויסן?
וואָס האָב איך דאָרט געזוכט
אין דעם תהום
פֿון גרויסן דרויסן?
איך בין אַוועק
ווי פֿון אַן ענגער תּפֿיסה,
און ניט געקאָנט
זיך צוזען ווי די ערד
פֿאַרגייט
אַן אײַנגעקאָרטשעטע,
אין גסיסה.

איך בין אַוועק
אויף מײַן צעשטערנטער נסיעה,
זיך ראַטעווען
פֿון תליון׳ס תליה.

נאָר ווער עס לויפֿט,
אַנטלויפֿט פֿון זיך אַליין...
וועט ווי אַ פֿאַלנדיקער שטערן
אין דעם תהום פֿאַרגיין.

דאָס בין איך אויסן:
געזוכט האָב איך
אין גרויסן דרויסן
דאָס אומבאַקאַנטע
פֿון שטערן-גליקן...
נאָר אויף דער ערד
האָב איך ערשט איצט
געפֿונען פֿאַר מײַן זײַן
אַ תיקון.